א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת וישלח

## בנר'תיבות אמונים

פון די טיפקייט פון די פרשה אין די ענינים פון אמן און תפילה

### זיך צוגרייטן צום דאווענען

עטליכע מאל יעדן טאג זענען מיר זוכה צו שטיין און רעדן מיט אונזער טאטע אין הימל, דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. עס זעהט אויס אז עס זענען נישט פארהאן קיין ווערטער צו קענען ערקלערן דעם גרויסן זכות וואס מיר - מענטשן וואס זענען באשאפן געווארן פון זאמד - האבן זוכה געווען צו אזאך וואס די הייליגע מלאכים האבן נישט זוכה געווען דערצו, צו לויבן און דאנקען יעדן טאג דעם אויבירשטן!

נאר לויט וואס חז"ל דרש'ענען וועגן תפילה (ברכות ו ב וברש"י שם) פון די פסוק (תהלים יב ט): "כֻּרֻם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם" - "דאס זענען די זאכן וואס זענען זייער חשוב אויף די וועלט און די מענטשן טוהן אין זיי גרינגשעצן"; ליידער האט דאס געוואוינהייט צוגעברענגט אז אסאך מאל גייען מיר שנעל צו א דאווענען אן צולייגן קאפ אויף די גרויסקייט פון די יעצטיגע מינוטן.

וועגן דעם האט רבי יוסף קארו אוועק געשטעלט אין שולחן ערוך עטליכע סימנים אין הלכות תפילה (או"ח צ-צב), וואס אין זיי ברענגט ער די הלכות וואס זענען געבויעט אויף די הנהגות פון די חז"ל און זייערע מאמרים, וואס מיט זיי קען יעדער מענטש נתעורר ווערן זיך צוגרייטן צום דאווענען ווי עס דארף צו זיין.

די יסוד פון די הלכות איז אוועק געשטעלט אז דער מענטש וואס שטעלט זיך דאווענען כאטש ער טוהט עס עטליכע מאל יעדן טאג, זאל דאס געוואוינהייט נישט צוברענגען אז מיר זאלן צוגיין צו א דאווענען אזוי ווי מיר גייען צו - להבדיל אלף אלפי הבדלות - צו א שמועס צו א חבר, מיר דארפן וויסן פאר וועמען שטעלן מיר זיך יעצט רעדן, פארן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און זיך ריכטיג צוגרייטן צו דעם ווי עס פאסט.

איינס פון די באקאנטע מאמרי חז"ל אויף דעם ענין איז די משנה (ברכות ה א): "חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת ומתפללים כדי שיכוונו ליבם למקום", וואס דאס איז טייטש, אז די פריערדיגע חסידים האבן זיך פארזוימט פארן דאווענען כדי זיי זאלן קענען אינזין האבן.

#### ווער זענען די 'חסידים הראשונים'?

דא האסטו וואס דער **רמב"ן** שרייבט אויפן פסוק אין אונזער פרשה (לה א): "קוּם עֲלֵה בֵית אֵל וְשֶׁב שָׁם וַעֲשֵׂה שָׁם מִזְבֵּחַ": "איך פארשטיי נישט וואס איז די כוונה מיטן באפעלן 'ושב שם'... נאר ס'קען זיין אז דער אויבישטער האט אים באפוילן 'ושם שם' **ער זאל צוגרייטן זיין מחשבה עס צו מדבק זיין אין השי"ת**". ענליך צו דעם שרייבט דער '**ספורנו**': "ושב שם - **צוגרייטן דיין מחשבה בעפאר דו בויעסט אויף דעם מזבח**, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות ל ב): 'אז די חסידים הראשונים האבן זיך פארזוימט פארן דאווענען כדי זיי זאלן קענען אינזין האבן'".

אז מ'טראכט אריין זעהט מען א מורא'דיגע זאך: יעקב אבינו ע"ה וואס איז געווען א מרכבה לשכינה און זיין דביקות אין השי"ת האט זיך נישט אויפגעהערט אויף איין רגע אויך נישט - ווען ער האט געוואלט בויען א מזבח און לויבן דעם אויבערשטן האט ער זיך ספעציעל צוגעגרייט, איז דאך זיכער אז מיר וואס זענען פאריאגט און פארפלאגט אין די וועלט'ליכע געברויכן דארפן מיר זיך צוגרייטן בעפאר מיר גייען דאווענען, אוועק נעמען פון זיך די אלע פרעמדע געדאנקען און טראכטן ביי זיך אז מיר שטייען יעצט פארן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא ('שערי תפילה').

#### צו גרייטן דעם גוף און די קליידער צום דאווענען

א ספעציעלן פונקט האבן חז"ל געלייגט אויף דעם חיוב זיך צוגרייטן בעפאר מ'שטעלט זיך רעדן צום אויבערשטן, שטיין אויף א מכובד'יגע פלאץ, רייניגן דעם גוף און אנטוהן ריינע און מכובד'יגע קליידער, און די גמרא (שבת י א) ברענגט אויף דעם א מקור פון די פסוק (עמוס ד יב): "הִכּוֹן לִקְרַאת אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל".

אויך אויף די הלכות טרעפן מיר א מקור אין א פסוק אין אונזער פרשה (לה ב-ג): "וְהִטַּהֲרוּ וְהַחֲלִיפוּ שִׂמְלֹתֵיכֶם. וְנָקוּמָה וְנַעֲלֶה בֵּית אֵ-ל", וואס דער '**אבן עזרא**' זאגט אויף דעם: "פון דא לערנען מיר ארויס אז יעדער איד ווען ער גייט דאווענען דארף זיין קערפער און זיינע קליידער זיין ריין".

און אין ספר '**כף החיים**' (צא כו) ברענגט ער אין נאמען פון **ספר חסידים**: אויך א מענטש וואס קומט צו א קעניג בשר ודם, וועט נישט קומען אזוי ווי איינער וואס קומט אין מארק אריין, נאר ער וועט זיך אנטוהן ווי עס פאסט; אויב אזוי, ווען מיר שטעלן זיך אוועק פארן אויבירשטן - איז דאך זיכער אז מיר דארפן זיין אנגעטוהן באימה וביראה, און אויף דעם שטייט (שמואל א' ב ל): "כִּי מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד".

מער קלאר איז עס ארויס געשריבן אין **רמב"ם** (תפילה ה ה): "וויאזוי פארערכט ער זיינע קליידער; ער טוהט זיך אן געהעריג, און ער באצירט זיך, אזוי ווי עס שטייט (כט ב): "הִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ". און ער זאל זיך נישט אוועק שטעלן דאווענען ווען ער איז אנגעטוהן מיט זיין גארטל [וואס איז זיין בערזל] און נישט מיט א הוילן קאפ און נישט מיט אויפגעדעקטע פוס - אויב אין יענע פלאץ רעדט מען נישט מיט די חשוב'ע מענטשן נאר ווען מ'איז אנגעטוהן מיט שטיוול" (רמב"ם תפילה ה ה).

און אין '**מאירי**' (ברכות ל ב) זאגט ער עדות: "עס זענען געווען גרויסע חכמים וואס האבן זיך אנגעטוהן מיט זייערע שיינע קליידער בשעת'ן דאווענען... כאטש וואס נישט יעדער פירט זיך אזוי, פון דעסטוועגן איז פאסיג אז א מענטש זאל זיך נישט אוועק שטעלן אויף א פראסטע וועג, נאר ער זאל זיך באצירן מיט וואס ער האט".

#### זיך טובל'ן אין מקוה

נאך הלכות זענען געזאגט געווארן אויף דעם ענין פון צוגרייטן דעם גוף צום דאווענען, און אויך די מנהג פון מקפיד זיין צו גיין אין מקוה יעדן טאג פארן דאווענען איז שוין פארשפרייט געווארן אין כלל ישראל, אזוי ווי מיר טרעפן אין די לשון פון יעקב'ס באפעל 'והטהרו ...ונקומה ונעלה בית א-ל'.

און אזוי ערקלערט דער **מהרש"א** (ח"א, ע"ז כ ב) דעם לשון פון די ברייתא (שם): "'זריזות מביאה לידי נקיות' - דורך דעם וואס ער איז געשיקט אויפשטיין פריה, וועט ער האבן צייט צו רייניגן זיין קערפער און זיך וואשן די הענט בעפארן דאווענען, 'ונקיות מביאה לידי פרישות' - 'פרישות' איז די טייטש אזוי ווי פרישת כפיים ד.מ. דאווענען וואס דעמאלטס שפרייט אויס דער מענטש זיינע הענט צום הימל".

נאך שרייבט דער **של"ה** (אותיות, אות טהרה): "עס איז פארהאן א רוחניות'דיגע טומאה וואס ער איז דער 'אב' פון די 'אבי אבות הטומאה', דאס איז די טומאה פון עבירות, אזוי ווי מיר טרעפן אין תורה אויף עטליכע עבירות די לשון פון טומאה, אזוי זענען אלע עבירות, און די ענין פון זיך רייניגן אין די מקוה איז זייער גרויס, סיי פאר די טומאה פונעם גוף און סיי פאר די טומאה פון עבירות, וואויל איז פאר דעם וואס איז געוואוינט שטענדיג צו גיין אין מקוה, און עס וועט אים העלפן אויך אויף די טומאה פון די עבירות, און אזוי וועט ער האבן א ריינע הארץ. א רמז אויף דעם איז פארהאן אין פסוק (תהלים נא יב): "לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים", 'לב טהור ברא' איז ר"ת '**טבל**'. און דורך זיין ריינע הארץ וועט ער אויך זוכה זיין צו א ריינע מחשבה".

און אין '**יסוד ושורש העבודה**' (ש"ח פ"א) שרייבט ער אזוי: "מיט יעדע טבילה וואס א מענטש טובל'ט זיך נאך און נאך, ברענגט ער אויף זיך מער קדושה... און א מענטש וואס איז זיך מקדש אויף די וועלט, איז מען אים מקדש פון הימל מער און מער.

די גדולי הדורות האבן טאקע מקפיד געווען יעדן טאג זיך צו טובל'ן אין מקוה בעפאר'ן דאווענען, אזוי ווי דער חתם סופר וואס האט זיך גע'טובל'ט יעדן טאג אין די קאלטע וואסער אין די מקוה פון רבי משולם טיסמעניץ (מנהגי חתם סופר, בני ברק תשל"ו)

#### א הכנה אויך אויף מנחה און מעריב

אסאך האלטן אז די הנהגה פון די 'חסידים הראשונים' איז נאר פארבינדן צו שחרית, אבער אין ספר '**סדר היום**' זעהט אנדערשט אויס, נאר אדרבה, איר מעלה איז נאך גרעסער ביי די תפילות פון מנחה און מעריב, ווייל אזוי שרייבט ער און די הנהגות פון מנחה: "עס זעהט מיר אויס אז די שכר פון דער וואס גרייט זיך צו נאכמיטאג צום דאווענען איז גרעסער פון דער וואס גרייט זיך צו אינדערפריה. ווייל צופריה האט ער נישט קיין זאכן צו ערלעדיגן און ער האלט נישט אינמיטן ארבעטן, און ער האט נישט קיין אנדערע זאך וואס צוטוהן נאר צו גיין אין שוהל און דאווענען צום באשעפער, אבער ביינאכט וואס ער איז שוין באשעפטיגט אין זיין ארבעט און ער דארף ענדיגן אלע זיינע זאכן, און ער לאזט אלעס אפ און קומט אין שוהל צו דאווענען, איז זיין שכר זייער גרויס.

ספעציעל אויב ער איז געקומען פריה ...און ער ווארט אליין אין שוהל אז די אנדערע זאלן אויך קומען דאווענען, וואס דאס איז זייער חשוב ביים אויבערשטן, אז ער רופט אים אן מיטן טיטול 'גיבור', ווייל ער האט געוואונען דעם יצר הרע און האט אפגעלאזט אלע זיינע באשעפטיגן און איז געלאפן ווי א הערש צו טוהן דעם ווילן פון זיין פאטער אין הימל, און דער אויבישטער וועט אים באצאהלן זיין שכר סיי אויף די וועלט און סיי אויף די קומענדיגע וועלט, און וועט זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים".

#### מ'ווערט ניצול פון די מקטרגים

"הַצִּילֵנִי נָא מִיַּד אָחִי מִיַּד עֵשָׂו" (לב יב)

"נָא מִיַּד אָחִי" - איז ראשי תיבות '**אמן**', פון דעם לערנט מען אז אין זכות פון ענטפערן אמן ווערט מען ניצול פונעם שטן, וואס איז אנהויב זעהט ער אויס ווי א ברודער און ער רעדט אים צו ער זאל זינדיגן, און נאכדעם גייט ער ארויף און איז מקטרג אויף אים.

און דא איז אויך פארהאן א רמז אויף דאס וואס עס שטייט אין זוהר הקדוש (תיקוני זוהר מ א): "העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה".

'דברי שמואל' [סלאנים]; 'עולת שלמה'


ווען די ברכות וואס זענען געענפערט געווארן מיט א 'אמן' גייען ארויף אויבן, עפענען זיך באלד אלע טויערן פאר זיי, און מ'רופט אויס אין אלע הימלען:
דאס איז די **דורון** [מתנה] וואס דער און דער האט געשיקט פארן מלך און דאס איז די ברכה וואס איז בשלמות ווי עס דארף צו זיין. און אין דעם שכר וואס די אידן האבן צוגעברענגט א נחת רוח אויבן, עפענט מען די טויערן אננעמען **זייערע תפילות** און זיי ווערן געראטעוועט פון **אלע וואס פייניגן זיי**.
(זוהר פר' וילך רפה א; רעיא מהימנא עקב רעא א)




## טייערער איד!
יעדן אינדערפריה האסטו די געלעגנהייט צו שיקן וואונדערליכע מתנות פארן אויבישטער און דורך דעם ווערסטו זוכה זיין אז עס וועלן זיך עפענען פאר דיר די טויערן אנצונעמען דיינע תפילות לרחמים ולרצון און דו וועסט ניצול ווערן פון די וואס ווילן דיך שלעכטס טוהן.
גיב אכטונג צו זאגן די ברכות השחר בשלימות און ענטפערן אמן נאך זיי ווי עס דארף צו זיין, און אזוי וועסטו זוכה זיין געבענטש ווערן מיט כל מילי דמיטב. אמן.

# פניני אמונים

פערל ווערטער איבער אמן
און תפילה אין די פרשה פון די וואך

## 'היטב איטיב עמך' - א טובה וואס זעהט זיך אן

"וְאַתָּה אָמַרְתָּ הֵיטֵב אֵיטִיב עִמָּךְ" (לב יג)

דעם דאפלטן לשון 'היטב איטיב' ערקלערט דער '**קדושת לוי**': עס איז באקאנט אז אלעס וואס דער אויבישטער טוהט איז לטובה, און אויך די צרות חלילה, זענען אין זיי באהאלטן רחמים, כאטש וואס פאר דער מענטש קוקט עס אויס ווי שלעכט'ס. און דאס האט יעקב געזאגט: "וְאַתָּה אָמַרְתָּ הֵיטֵב אֵיטִיב עִמָּךְ" - האסט דאך מיר צוגעזאגט אז דו גייסט מיך גוט'ס טוהן אויף אזא וועג וואס אויך א בשר ודם זעהט איין דאס גוט'סקייט - וועגן דעם בעהט איך דיר: הצילני מיד אחי מיד עשיו!

א קליין קינד א אייניקל פון דער רבי ר' **בונם פון פאשיסחא** איז אמאל ל"ע נפטר געווארן אום שבת, און לויף פונעם גאנצן שבת האט רבי בונם איינגעהאלטן זיינע געפיהלן אויף א אויסערגעווענליכן וועג, אז עס האט זיך נישט דערקענט אויף זיין פנים קיין שום ענדערונג פון א געווענליכע שבת.

נאר נאך הבדלה האט ער אנגעהויבן וויינען, און האט געזאגט: 'ריכטיג טאקע אז חז"ל זאגן (ברכות ס ב): "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד", אז אלעס וואס דער אויבישטער טוהט איז נאר לטובה, אבער דער אויבישטער זאל מיך אפהיטן פון אזעלעכע טובות... איך בעהט פון דיר, רבונו של עולם, פון היינט און ווייטער זאלסטו זיך אויפפירן מיט מיר נאר אזוי ווי די האסט צוגעזאגט פאר יעקב אבינו: "היטב איטיב עמך", און דו זאלסט מיר גוט'ס טוהן אויף אזא וועג וואס איך זאל קלאר זעהן דאס גוט'ס.

'חשבה לטובה' סוף שבת

## א אפגעכאפטע ברכה - איז א מתנה פאר עשו

"וַיִּקַּח מִן הַבָּא בְיָדוֹ מִנְחָה לְעֵשָׂו אָחִיו" (לב יד)

דער **קאצקער** איז געווען געוואוינט צו זאגן: חז"ל האבן געווארנט (ברכות מז א) "מ'זאל נישט אפכאפן שנעל א ברכה", און א רמז אויף דעם קענען מיר האבן אין די פסוק: "ויקח מן הבא בידו" - דער וואס כאפט פון וואס ס'קומט אים אונטער אן צו טראכטן פריער, איז דאס א "מנחה לעשו אחיו" - א מתנה וואס גייט צו די סטרא אחרא רח"ל.

'פאר ישראל' עמ' שעד

## יעקב האט אכטונג געגעבן אויך אויף די קליינטשיגע מצוות

"וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ עַד עֲלוֹת הַשָּׁחַר" (לב כה)

עס איז באקאנט די דרש פון חז"ל (חולין צא א וכן ברש"י כאן) אז די סיבה פארוואס יעקב איז צוריק דעם טייך, ווייל ער האט זיך דערמאנט אין די 'פכים קטנים' ד.מ. קליינע קריגלעך וואס ער האט פארגעסן אויף די אנדערע זייט.

זאגט אויף דעם דער '**מגלה עמוקות**' א וואונדערליכער רמז: די גימטריה פון 'יעקב' איז קפ"ב, און פון 'פכים קטנים' 'שט"נ', צוזאמען באטרעפט עס 'ישראל'.

יעקב אבינו ע"ה האט געווינען דעם 'שטן' מיט דעם וואס ער איז צוריק געגאנגען אויף 'פכים קטנים', ד.מ. אז ער האט אויך אכטונג געגעבן אויף די קליינטשיגע מצוות וואס דער יצר הרע רעדט איין דעם מענטש זאל אין זיי גרינג שעצן, וועגן דעם האט ער זוכה געווען אז מ'האט אים אנגערופן 'ישראל'.

'טללי אורות'

דא קען מען צולייגן א רמז פון וואס עס שטייט ווייטער (פס' כז): וַיֹּאמֶר שַׁלְּחֵנִי כִּי עָלָה הַשָּׁחַר וַיֹּאמֶר לֹא אֲשַׁלֵּחֲךָ כִּי אִם בֵּרַכְתָּנִי", אויף די חשיבות פון ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר, וואס איז זייער גרינג צו מקיים זיין, און כאטש איר ספעציעלע גרויסקייט טוהן מענטשן אין דעם גרינג שעצן.

מיר דארפן זיך לערנען פון יעקב אבינו וואס האט מלחמה געהאלטן אויף אזעלעכע מצוות אזוי ווי די מצוה '**עד עלות השחר**' - זיך צו שטארקן ווי א לייב און אכטונג געבן יעדן אינדערפריה עס צו זאגן אויפן ריכטיגן וועג אז איינער זאל ענטפערן אויף זיי אמן, און אזוי וועלן מיר אויך קענען אונטערטעניגן דעם שר פון עשו - דעם שטן - אונטער אונז.

## אריינכאפן יעדע געלעגנהייט צו דאנקען און לויבן

"וַיֹּאמֶר שַׁלְּחֵנִי כִּי עָלָה הַשָּׁחַר" (לב כז)

אין גמרא (חולין צא ב) זאגן חז"ל פארוואס האט זיך דער מלאך אזוי געאיילט, ווייל ער האט געזאגט: "פן ווען איך בין באשאפן געווארן איז נאכנישט געקומען מיין צייט צו לויבן דעם השי"ת נאר יעצט".

שטעלט זיך דער '**חפץ חיים**' אויף א וואונדערליכער פונקט: אזוי ווי די מלאכים אויבן אין הימל זענען באגרעניצט אין זייער לויב, אזוי אויך די נשמות וואס געפינען זיך אויבן קענען נישט לויבן אין יעדע צייט. אנדערשט איז אויף די וועלט וואס מיר האבן אן א צאל געלעגנהייטן צו לויבן און דאנקען דעם באשעפער, ווייל אויף דער וועלט איז דאס לויבן א 'עבודה' וואס מיר דינען מיט דעם דעם אויבערשטן, אבער אין עולם הבא איז עס שוין גערעכנט ווי א 'שכר'.

מיר דארפן אכטונג געבן אז מיר זאלן אויך נישט דערלייגן איין מאל פון צו לויבן און דאנקען, ווייל ווער ווייסט ווען מיר וועלן צו דעם נאכאמאל זוכה זיין אין עולם הבא.

'חפץ חיים החדש'

ענליך צו דעם האבן חז"ל (תנחומא צו ז) געזאגט אויף דער שכר פון דער וואס גיט אכטונג צו לויבן דעם באשעפער מיטן ענטפערן אמן: "כל העונה אמן בעולם הזה זוכה לענות אמן לעולם הבא".

## די תפילה פון יעקב איז אנגענומען געווארן אינגאנצן

"וַיָּשָׁב בַּיּוֹם הַהוּא עֵשָׂו לְדַרְכּוֹ שֵׂעִירָה" (לג טז)

ערקלערט דער '**בית הלוי**': יעקב האט נישט געוואלט דעם עשו - נישט ווי א 'אחי' און נישט ווי א 'עשו', אזוי ווי מיר זעהן עס אז ער האט געדאוונט מיט א דאפלטע לשון (לעיל לב יב): "הַצִּילֵנִי נָא מִיַּד אָחִי מִיַּד עֵשָׂו".

יעצט איז ער געוואר געווארן אז זיין תפילה איז אינגאנצן אנגענומען געווארן: עשו האט אים שוין מער נישט פיינט געהאט, און אויסער דעם איז ער אויך געראטעוועט פון זיין 'ברודערשאפט' מיט דעם וואס עשו איז נאך אין דעם זעלבן טאג צוריק קיין שעיר.

## די י"ג מידות - איז דען גענוג מיט זאגן?!

"וַיִּקְרָא לוֹ אֵ-ל אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל" (לג כ)

**"ורבותינו דרשו שהקב"ה קראו ליעקב א-ל, ודברי תורה כפטיש יפוצץ סלע מתחלקים לכמה טעמים, ואני ליישב כפשוטו של מקרא באתי..."** (רש"י).

מיט די חז"ל האט דער '**פנים יפות**' (שמות לד ו) פארענטפערט דעם באקאנטן יסוד פונעם '**ראשית חכמה**' (שער הענוה פ"א), אז די הבטחה וואס השי"ת האט צוגעזאגט אויף די י"ג מידות: "ווען די אידן וועלן **טוהן** פאר מיר די אלע זאכן, בין איך זיי מוחל!" (ר"ה יז ב), ד.מ. אז זיי וועלן זיך **אויפפירן** מיט די י"ג מידות.

און די וואס קריגן זיך אויף אים פרעגן שוין: ריכטיג טאקע אז ביי די אנדערע מידות קען מען עס פארשטיין אז א מענטש זאל אזוי טוהן, אבער וויאזוי קען א מענטש זיך פירן מיט די מידה פון 'א-ל'? וועגן דעם האלטן זיי אז די סגולה פון די י"ג מידות נוצט אויך דורך דאס דערמאנען, אזוי ווי עס איז מרומז אין די נוסח וואס מיר זאגן פארן דערמאנען די זכות פון די י"ג מדות: "א-ל הורית לנו לומר שלוש עשרה", אז פון די מדה פון 'א-ל' קענען מיר פארשטיין און זיך אפלערנען אז די סגולה פון די י"ג מידות איז אויך נאר מיטן דערמאנען אליין...

אבער לויט וואס רש"י זאגט, שרייבט דער 'פנים יפות', קענען מיר אויך פארשטיין די וועג פונעם 'ראשית חכמה', ווייל אויב דער אויבישטער האט גערופן יעקב אבינו מיטן נאמען 'א-ל', זעהן מיר אז א מענטש קען אנקומען צו די מידה.

אבער דער '**בני יששכר**' (אלול מאמר ב אות ד) פרעגט עס אפ און שרייבט, אז פארקערט, ווייל רש"י האט נאכדעם געשריבן אז די רייד פון חז"ל זענען נישט די פשוט'ע פשט, איז געדרינגען אז רש"י וויל מיט דעם מלמד זכות אויף די אידן, אז מ'זאל זיך נישט דארפן אויפפירן אזוי כדי מ'זאל זיי מוחל זיין, נאר עס זאל זיין גענוג מיטן עס דערמאנען.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## באמבעס פליעהן אויפן וועג צו די מקוה

פון די יקירי קרתא קדישא דשופריא איז געווען דער צדיק רבי אברהם אהרונוביץ זצ"ל, א הייליגער מענטש וואס זיין נאמען ווערט דערמאנט מיט פול שעצונג צווישן די ירושלים'דיגע אידן גרויס און קליין, און אסאך זענען געהאלפן געווארן פון זיינע ברכות.

רבי אברהם האט זייער שטארק אכטונג געגעבן צו גיין אין מקוה יעדן אינדערפריה בעפארן דאווענען. קיין שום זאך האט אים נישט אפגעהאלטן פון צו אויספירן די מנהג, אין די געווענליכע טעג פונקט ווי אין די פארפרוירענע טעג וואס אין ירושלים איז געווען אסאך פון די טעג, האט ער זיך שטענדיג גע'טובל'ט אן קיין שום אפהאלט.

אבער ווען עס זענען אנגעקומען די שווערע טעג אין ירושלים, ווען די 'אנשי המחתרת' [ד.מ. די גרופעס וואס האבן געוואלט אראפווארפן די רעגירונג] האבן אין די פינסטערניש פון די נאכט באמבאדירט די פלעצער וואס האבן געהערט פאר די ענגלענדער וואס האט דעמאלטס געהערשט אין ארץ ישראל מיט א פלאן אז דורך דעם וועט צופאלן זייער הערשאפט, איז זיין הנהגה געווארן זייער שווער צו אויספירן.

די ענגלענדער פלעגן אויסרופן אויף א 'עוצר' [ד.מ. א באפעל נישט ארויס גיין] אויף די ירושלים'דיגע גאסן, די ירושלים'דיגע איינוואוינער גרויס און קליין האבן נישט געטארט ארויס גיין ביינאכט אויף די גאס, ווער ס'האט נישט געפאלגט דעם באפעל האט זיך אריינגעלייגט אין א סכנה פון שמאכטן א לאנגע צייט אין די 'שנעלער' לאגער אויפן גוטן אופן, און אויפן שלעכטן אופן געשעדיגט ווערן פון די באמבעס פון די סאלדאטן וואס האבן געשאסן אין די גאסן אויף די ריכטונג פון די וואס האבן זיך יא דערוואגט צו דרייען אין די גאסן.

רבי אברהם האט גוט געוואוסט די סכנה וואסווארט אים אפ אינדרויסן, אבער ווייל ער האט נישט געקענט ביי זיך פועלן זיך צו שטעלן דאווענען אן צו גיין פריער אין מקוה, האט ער נישט ווייניג מאל געמוזט צוברעכן זייער באפעל.

זיינע נאנטע האבן אים פראבירט אפהאלטן פון דעם, אבער ר' אברהם האט נישט געטראכט פון נאכצולאזן. אזוי, אויך אין די נעכט פון די עוצר, איז ער אויפגעשטאנען פארן עלות און איז ארויס פון זיין וואוינונג אין ווינקל פון 'מאה שערים' צו די מקוה וואס איז געווען אינעם שכינות'דיגן געגנט 'בית ישראל'.

טראכט נישט אז עס איז געווען א גרינגע זאך. ס'איז טאקע א קורצע וועג, אבער אינמיטן וועג האט ער געמוזט אריבער גיין א צוים פון שטעכעדיגע דראנטן און דורך גיין נעבן א בודקע פון די פאליציאנטן וואס האבן יעדן איבערגעקוקט און נאר נאכדעם האט ער געקענט פארזעצן זיין וועג צו די מקוה, אבער קיין שום זאך האט אים נישט אפגעהאלטן.

איינמאל האבן די סאלדאטן אים באמערקט וואס ווי אויבן דערמאנט האבן זיי זייער שנעל געקוועטש אויפן קנעפל פונעם שיסער, אבער רבי אברהם האט זיי ערקלערט מיט א צובראכענעם ענגליש און מיט די צייכנס פון זיינע הענט אז ער וויל נאר גיין אין 'מקוה', און זיי, וואס האבן נישט פארשטאנען האבן געמיינט אז ער איז א משוגע'נער און זיי האבן אים געלאזט ווייטער גיין.

אין די קומענדיגע נעכט האבן די סאלדאטן אים שוין דערקענט, און אויסער איינציגע פעלער פון שוועריקייטן האט עס אויסגעזעהן אז ר' אברהם האט זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם צושטאנד.

אזוי זענען אדורך געגאנגען עטליכע חדשים ביז יענעם נאכט: א שטארקער אויפרייס האט אויפגעציטערט די הימלען פון ירושלים, ווען א גאנצע טייל פון די האטעל 'המלך דוד' האט אויפאמאל געטראסקעט. אין די טייל פון דעם בנין איז געווען די קוואטיר פון די גענעראלן פון די ענגלישע מיליטער וואס דאס האט צוגעברענגט נישט ווייניג גע'הרג'עטע פון זייער זייט. די נערוון פון די גענעראלן האט שוין געפלאצט.

אין יענע נאכט איז זייער מסוכן געווען דאס ארויס גיין אויפן גאס, די סאלדאטן האבן באקומען א קלארן באפעל צו שיסן אן צו צווייפלען אויף יעדן וואס וועט זיך דערוואגן צו דרייען אין גאס. ר' אברהם וואס האט פון חצות ביינאכט געלערנט האט נישט געוואוסט וואס עס גייט פאר. ביים עלות השחר האט ער פארמאכט די גמרא ווי זיין געוואוינהייט און ער איז ארויס אויף דעם מסוכנ'דיגן גאס.

זיין ווייב האט זיך אויפגעוועקט ווען זי האט געהערט אז די טיר קלאפט זיך צו. עס האט איר גענומען נאר איין סקונדע צו פארשטיין - אז איר מאן דער צדיק וואס האט נישט געוואוסט וואס טוהט זיך אין די גאס איז ארויס פון שטוב. א אמת'דיגע לעבנסגעפאר שוועבט יעצט העכער זיין קאפ.

זי איז געלאפן צום פענסטער דערשראקענערהייט און זי האט באמערקט דאס ערגסטע פון אלעס. צוויי ענגלישע סאלדאטן האבן באמערקט דעם ר' אברהם, זיי האבן אנגעשטעלט זייער געווער אויף זיין ריכטונג און פון נאנט האבן זיי אנגעהויבן צו שיסן אן קיין רחמנות.

דערשראקן אינגאנצן האט די רעביצין אנגעהויבן צו שרייען: לאזט אים אפ! ער איז א הייליגער מענטש, לאזט אים אפ! אין די שיסערייען האבן זיך אויפגעהערט.

זי האט נישט געקענט קוקן אויף דעם ריכטונג וואס איר מאן איז געגאנגען, די סאך באמבעס וואס זענען געשאסן געווארן אקעגן אירע אויגן, דורך געלערנטע סאלדאטן, האבן געקענט צוברענגען נאר איין זאך... טויט!

אינצווישן האבן זיך שוין עטליכע שכנים אויפגעוועקט, די פענסטער האבן זיך געעפנט, און די גוטע בשורה האט נישט פארשעפיגט צו קומען. די קוילן זענען אריבער העכער זיין קאפ, נעבן זיין פוס און זיינע אקסלען, אבער אויף א אומקלארן וועג און א אפענעם נס האט אים גארנישט פאסירט.

ר' אברהם דער צדיק איז נישט געשעדיגט געווארן, און ווי עס וואלט אים נישט געמיינט איז ער ווייטער געגאנגען מיט א רוהיגקייט צו די מקוה.

די וואונדערליכער געשעהניש איז זייער שנעל געווארן די שמועס צווישן אלע אידן, וויאזוי האסטו דעמאלס נישט מורא געהאט? - האט מען אים געפרעגט, און ער האט געענטפערט מיט א רוהיגהייט אן נתפעל צו ווערן -

איך האב זיך געאיילט צו די מקוה מיט א פחד און א אימה פונעם אויבערשטנ'ס כבוד וואס פאר אים גיי איך זיך יעצט שטעלן דאווענען, און ווען מ'האט מורא פון השם יתברך, האט מען נישט מורא פון אנדערע זאכן!

'אברהם עבד ה'' עמ' 172

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע
עיצובים shay